בס"ד

# יום הולדת פון דער רבי רש"ב

# כ חשון כתרא

## האסטו געוואוסט?



דער רבי רש"ב ווערט אנגערופן דער רמב"ם פון חסידות. דער רמב"ם האט געשריבן זייער א סאך ספרים, און האט געמאכט אז יעדער איינציגער איד קען פארשטיין גאנץ תורה. דער רבי רש"ב האט אויך געזאגט א ריבוי עצום פון חסידות און ער האט ערקלערט עס אין אזא אופן וואס יעדער איינער קען פארשטיין.

## MISSION:

ווילסט וויסן דער רבי רש"ב'ס גאנצע משפחה? ניץ די שליסלאך (CLUES) צו לייגן די בילדער אין די ריכטיגע ערטער אויף דער פאמיליע בוים.

שיק אונז דיין פאמיליע בוים. (20 נקודות)

שיק אונז א בילד פון אייך ווי איר טוט דעם אקטיוויטי. ( 10 נקודות)

וואו נאר איר זעט דעם פינגער , נעם דיין פינגער און געפין דער מענטש וועגן וועמען מ' רעדט אויף דער פאמיליע בוים.

**כ' חשון כתר"א האט רביצין רבקה, דער רבי מהרש"ס רביצין, געבוירן א זון. זיי האבן גערופן זייער קינד שלום דובער נאך דער צמח צדק'ס פאטער (שלום שכנא) און דער מיטעלער רבי.**

**פון קינדהייט האט מען שוין געזען אז דער רבי רש"ב איז א זעלטענער קינד.**

**דא זיינען א פאר סיפורים פון זיינע קינדער יארן.**

**א רבי איז געבארן געווארן** דער רבי רש"ב האט קיינמאל נישט געוויינט ווען ער איז געווען א קינד. ער האט אלעמאל געשמייכלט. איינמאל, ווען זיין מוטער האט אנגעצונדן די לאמפ האט ער אנגעהויבן לאכן. די רביצין האט דעמאלט אויסגערופן: "ער איז געבארן געווארן א חסיד!"

דער רבי מהר"ש האט איבערגעציילט דעם מעשה צו זיין פאטער, דער צמח צדק. דער צמח צדק האט געענטפערט: " ער איז ניט געבארן געווארן קיין חסיד, ער איז געבארן געווארן א רבי!



**שטריימל** ווען זיי זיינען נאך געווען קינדער זיינען דער רבי רש"ב און זיין ברודער ר' זלמן אהרן אריינגעגאנגען צום צמח צדק אין צימער. דער צמח צדק האט געלערנט און זיין שטריימל איז געלעגן אויף א באנק. ר' זלמן אהרן האט אנגעטאן דעם שטריימל און געוואלט שפילן זיך מיט דעם. דער צמח צדק האט מ פסיק געווען זיין לערנען, אראפגענומען דעם שטריימל פון ר' זלמן אהרן'ס קאפ , און עס אנגעטאן אויף דעם קאפ פון דער רבי רש"ב.




**אן עילוי** ווען דער רבי רש"ב איז געווען א קינד פון 6 אדער 7 יאר אלט איז ער אמאל געווען אין צימער צוזאמען מיט א פאר עלטערע חסידים. די חסידים האבן גע'חזר'ט א מאמר פון דער רבי מהר"ש. אינמיטן האט דער אינגל האט זיי מפסיק געווען און געזאגט אז זיי האבן פארגעסן א חלק. דער רבי רש"ב האט דעמאלט גע'חזר'ט דעם מאמר פאר זיי, מיט דער חלק וואס זיי האבן פארגעסן, ביז'ן סוף.